# האס אדער דיסקרימינאציע אויפ'ן גרונט פון ראסע, נאציאנאלן אפשטאם, אדער אנדערע אייגנשאפטן איז מען נישט סובל אין ניו יארק סיטי.

די ניו יארק סיטי קאמיסיע איבער מענטשליכע רעכטן (CCHR, City Commission for Human Rights), דער אפיס פון די פארמיידונג פון האס פארברעכנס (OPHC, Office for the Prevention of Hate Crimes), און דער ניו יארק פאליציי אפטייל (NYPD, New York Police Department) טוען באאבאכטן און רעאגירן אויף באריכטעטע אינצידענטן פון האס און פאראורטייל אין שייכות מיט COVID-19 און קאראנא ווירוס.

## אויב מען האט פיזיש געטשעפעט אדער באפאלן אייך אדער עמיצן איר קענט צוליב אייער אידענטיטעט – ארייננגערעכנט אייער ראסע, עטנישקייט אדער רעליגיע – ביטע רופט 911.

NYPD אפיצירן וועלן נישט פרעגן איבער דעם אימיגראציע סטאטוס פון קיינעם וואס זוכט הילף, און שפראך הילף איז אויך דא צו באקומען. אפיצירן קענען אויך העלפן פארבינדן מענטשן מיט וויקטים סופארט סערוויסעס וואס זענען עוועילעבל פאר זיי.

איר קענט זיך אויך פארבינדן מיט א Crime Victim Advocate זיי זאלן אייך העלפן זיך אן עצה געבן מיט די עמאציאנאלע, פיזישע און פינאנציעלע פאלגן פון א פארברעכן, און באטראכטן אנדערע ברירות. רופט די All Crimes Hotline אויף 1-866-689-HELP (4357) TDD: 866-604-5350.

## אויב א געשעפט, ארבעטסגעבער אדער לענדלארד האט געטשעפעט אדער דיסקרימינירט קעגן אייך אדער עמיצן איר קענט צוליב אייער אידענטיטעט – ביטע רופט 311 און זאגט "human rights".

איר זענט באשיצט קעגן דיסקרימינאציע אין האוזינג, אויף דער ארבעט, אדער אין עפענטליכע פלעצער אויפ'ן גרונט פון אייער ראסע, נאציאנאלן אפשטאם, עלטער, אימיגראציע סטאטוס, דיסאביליטי, אדער אנדערע באשיצטע קלאסן אונטער דעם NYC מענטשליכע רעכטן געזעץ. די ניו יארק סיטי קאמיסיע איבער מענטשליכע רעכטן איז פאראנטווארטליך זיכער צו מאכן אז דער געזעץ זאל נישט פארלעצט ווערן. די וואס פארלעצן דעם געזעץ וועלן מעגליך דארפן באצאלן שטראפן און/אדער קאמפענסאציע פאר קרבנות.

## דארפט איר אימיגראציע הילף?

אלע ניו יארקערס, אפגעזען פון אימיגראציע סטאטוס, קענען רופן די ActionNYC האטליין פאר אומזיסטע, זיכערע געזעצליכע הילף איבער אימיגראציע. רופט די **ActionNYC** האטליין אויף **1-800-354-0365**, אדער רופט **311** און זאגט **"ActionNYC"**.

## זוכט איר מענטאל העלט חיזוק?

NYC Well איז אויך דא אייך מחזיק צו זיין מיט אייערע מענטאל העלט געברויכן. טרעניערטע קאונסעלארס קענען צושטעלן קאנפידענציעלע חיזוק 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך, אין מער ווי 200 שפראכן. רופט **888-NYC-WELL**, טעקסט **"WELL"** צו **65173**, אדער שמועסט אנליין אויף **nyc.gov/nycwell**.

Commission on Human Rights
Carmelyn P. Malais
קאמישאנער/פארזיצערין

Mayor's Office of Immigrant Affairs
Bitta Mostofi
קאמישאנער

Office for the Prevention of Hate Crimes
Deborah Lauter
עקזעקוטיוו דירעקטאר

NYC
Bill de Blasio
מייאָר

Yiddish